# ווירטועל מעיל
# אינפארמאציע ביכל




Virtual Mail

EMAIL ON PHONE

# INDEX


Introduction .................................... 3
Main menu ...................................... 6
Inbox ............................................. 7
Outbox ........................................... 10
Compose ......................................... 11
Typing ........................................... 13
Contacts ......................................... 14
Plans ............................................. 15
Information ..................................... 16
Settings ......................................... 17
Golden book ................................... 18
Customer service ............................ 18
Apps .............................................. 19


Virtual Mail
EMAIL ON PHONE

# אריינפיר

מיט פרייד שטעלן מיר פאר א דעטאלירטע גייד, וואס זאל אייך פארלייגן אלעס ארום דעם פארגעשריטענעם ווירטועל-מעיל סיסטעם, וועלכע האט געברענגט די געוואלדיגע רעוואלאציע פאר ערליכע אידן וואס זוכן צו זיין ווי מער אפגעשיידט פון די היינטיגע פארגעשריטענע טעכנאלאגיע.

ווען עס זאל ווען נישט ווערן ערפינדן אזא פארגעשריטענע סיסטעם אויפן פרימיטיוון טעלעפאן, וואלט זיך נישט געגלייבט אז עס איז בכלל שייך צו מאכן אזא נוצליכע סאפיסטיקירטע סיסטעם, וואס זאל געבן אזויפיל מעגליכקייטן אין די היינטיגע וועלט ווען אלעס איז אריבער אויפן געוועב.

די ווינטן האבן געבלאזן, און פארגעזאגט אז נאך אביסל וועט שוין בכלל נישט זיין אזא אפציע פון זיין 'אינטערנעט-לאז', ווייער שנעל איז עס געפארן אין די דירעקציע פון ווערן מער און מער אריינגעכאפט צווישן די אלגעמיינע וועלט, און צוביסלעך איז טעכנאלאגיע אויך אנגעקומען צווישן היימישע אידן. פון טאג צו טאג זענען מער פירמעס אריבער צו ארבעטן און אנגיין בלויז דורך פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, וואס דאס האט אנגעהויבן צו פארשווערן די וועג פאר שלומי אמוני ישראל, וואס זעהן

אין די אלע כלים למיניהם א שטארקע געפאר, וואס איז א שטערבליכע שטער פאר די רוחניות'דיגע צוקונפט.

עס לאזט זיך זאגן אין גרויסן, אז מיט די פארגעשריטענע ערפינדונג פון 'ווירטועל-מעיל' האט מען זיך געגעבן א דריי צוריק אויף די גוטע רעלסן, און געברענגט די מעגליכקייט צו ווייטער אנגיין מיט א פעסטקייט, און זיין אפגעשיידט פון די כלים דאס מערסטע וואס איז נאר שייך.

די טעלעפאן וואס ליגט שוין ביי יעדן ערוואקסענעם אין טאש, איז געווארן ערזעצט צו קענען דינען אלס די כלי מיט וואס צו קענען אנגיין, אפילו פון א העכסט-טעכנאלאגישע שטאנדפונקט. מען דארף שוין נישט גיין צו קיין קיאסק צו זען אויב מען האט באקומען אן ענטפער אויף אן אימעיל פון א געוויסע פירמע, מען דארף שוין נישט זיין באזארגט אויב מען האט פארפאסט אן אימעיל איבער א וויכטיגער אפוינטמענט אדער א פרישע סטעיטמענט.

אלעס איז אריבער צו דעם אלטן טעלעפאן! אבער ניין, מען רעדט נישט פון קיין טעכנאלאגישע טעלעפאן וואס קען זיין צוגעטשעפעט צו אינטערנעט, די רעדע איז פון א פשוט'ער 'רעדן



Virtual Mail
EMAIL ON PHONE

טעלעפאן', מען דארף ניטאמאל האבן קיין טעקסט מעסעדזש צו קענען געניסן פון די נייע פארגעשריטנקייט.

'ווירטועל-מעיל' שטרייכט אונטער א מאסיווער אונטערנעמונג, צו פארוואנדלען די פארצייטישע טעלעפאן אין א כלי וואס זאל זיך קענען שלאגן מיט די אינטערנעט געברויך, וואס ווערט נאר שטערקער און שטערקער מיט יעדן פארבייגייענדן טאג. אבער אלעס מיט א ציל צו פארבלייבן כשר, און מען זאל נישט דארפן ארויסגיין פון די גרעניצן וואס מען האט געשטעלט ארום זיך, אויב איז מען אפגעשיידט פון טעקסט-מעסעדזשעס קען מען געניסן פון די סערוויס בלויז מיטן הערן און רעדן.

אבער אין די זעלבע צייט איז וויכטיג צו באטאנען אז די סיסטעם איז נישט בלויז געאייגנט פאר אידן וואס זענען גענצליך אפגעשיידט פון טעכנאלאגיע. אין פאקט הערן מיר צוריק אויף א טעגליכע פארנעם פון פילע ערליכע בעלי בתים וואס נוצן יא די כלים לצורך פרנסה, אבער ווען נאכאלס זיין אויפגעסיינט אויפן סיסטעם, צו קענען געניסן פון די געוואלדיגע דורכברוך נאכן ארבעט ביים אהיימקומען אין שטוב. דאס ערמעגליכט אז מען זאל נישט דארפן מיטשלעפן די טעכנאלאגיע מיט זיך, כדי צו זען אויב מען האט ערהאלטן א וויכטיגער אימעיל פון די סופלייער וואס ווארט אויף גאר וויכטיגע דעטאלן, אא"וו.

חדשים און יארן הארעוואניע איז אריין צו אוועקשטעלן די סיסטעם אויפן העכסטן קאליווער, אזש עס זאל זיך נוצן לייכט און בויגזאם, עס זאל זיין ווי א געשמאקער טעכניק פאר די וואס ארבעטן אזוי שווער צו זיין אפגעשיידט פון טעכנאלאגיע.

דערצו איז געווארן אויפגענומען די באוואוסטע 'איי-קאל' פירמע, וועלכע איז באקאנט מיט זייערע פארגעשריטענע פאון סיסטעמס, און בסייעתא דשמיא האט מען דערגרייכט די ציל, און אהערגעשטעלט עפעס וואס די וועלט האט נאכנישט געזען ביז היינט. די וואס באנוצן זיך דערמיט שטוינען מיט פארוואונדערטע אויגן, נישט קענענדיג פארשטיין וויאזוי עס איז טאקע געלונגען פאר די פראגראמירער צו אהערשטעלן די סיסטעם אזוי געלונגען.

א גרויסע דגוש איז געווארן געלייגט אז די סיסטעם זאל זיין פריינטליך פאר די באנוצער, און עס זאל נישט מאכן די קאפ שווינדלען ביז ווען מען כאפט אויף וויאזוי עס פונקציאנירט. אבער כדי עס צו מאכן נאך גרינגער, וועלן מיר אין די קומענדיגע בלעטער איבערגיין אלעס ארום דעם סיסטעם, מיט אלע איינצלהייטן זיך צו באקענען בעסער מיט די סיסטעם, און זען געענו וויאזוי זיך צו באגיין דערמיט, מיט אלעס ארום און ארום.

# אויפסיינען

## אויף ווירטועל-מעיל

צו ווערן א טייל פון די הונדערטער וואס האבן זיך שוין אויפגעסיינט איז זייער א לייכטער און גרינגער פראצעדור, מען רופט אריין צו די אפיס נומער 020.4520.0100, אין די שעות וואס די אפיס איז אפן, און מען וועט נעמען פון אייך די נויטיגע אינפארמאציע וואס פעלט זיך אויס צו קענען אויפסטעלן אן אקאונט, ווי נאמען, אדרעס, פאון נומער און אימעיל אדרעס.

מען וועט איבערגיין אלע אימעיל אדרעסן וואס מען וויל עס זאל אנקומען צום טעלעפאן, און אלעס ארום און ארום. ווי נאך די 'ווירטועל מעיל שטאב' האט די אנגעבליכע אינפארמאציע, וועט עס שנעלערהייט ווערן אויפגעסעט, און דער אויפסיינער וועט באקומען א מיסד-קאל פון די סיסטעם, צו געבן די 'שלום עליכם' און 'ברוך הבא' צו זיין אנגעשלאסן אין די סיסטעם.

ווען מען ערהאלט די מיסד-קאל איז דאס אן אנדייטונג אז מען איז אנגעשלאסן אין די סיסטעם, און מען קען זיך אנהייבן באנוצן מיט אלע מעגליכקייטן וואס עס פארמאגט. מען וועט נישט פארלאנגען קיין פעימענט ביים זיך אויפסיינען, די ערשטע '14 טעג' וועט זיין אומזיסטע טרייעל, הערשט נאך 14 טאג וועט די סיסטעם פרעגן אויב מען וויל ארויפשטעלן די קארד-דעטאלן צו קענען ווייטער פארזעצן מיט די באנוצונג, די פרייזן זענען צווישן £1.50 און £3.50 א חודש, געוואנדן אין די פלאן, ווי עס וועט שפעטער ווערן ברייטער אויסגעשמועסט.

יעצט אז איר זענט שוין אנגעשלאסן אינעם סיסטעם, לאמיר ארייננרופן אינעם סיסטעם, און דורכגיין אלע קנעפלעך צו זען וויאזוי מען באגייט זיך אויף טריט און שריט.

# קלינג... באקומען אן אימעיל

יעדעס מאל וואס איר ערהאלט אן אימעיל, שיקט די סיסטעם א מיסד-קאל, דערמיט טוט די סיסטעם לאזן וויסן אז ס'איז דא א פרישע אימעיל. עס איז שייך זיך ארומצושפילן און אנשטעלן אויב די סיסטעם זאל יא אדער נישט רופן, דאס צו אנשטעלן דארף מען גיין צו די סעטינגס, ביי 9, דערנאך 3, ווי עס ווערט שפעטער ווערן ברייטער אויסגעשמועסט.

איינמאל איר רופט אריין צום סיסטעם האט איר די פאלגנדע צוועלף אפציעס:




**יעצט לאמיר דורכגיין קנעפל ביי קנעפל, און זען אלע אפציעס און פיטשערס וואס איר האט אין יעדע קנעפל**

<<<

# INBOX

## 1

ווען איר ווילט אויסהערן די פרישע אימעיל וואס איז אריינגעקומען, רופט איר אריין די נומער 020.3966.1274, און די סיסטעם וועט אייך גלייך זאגן וויפיל נייע אימעילס איר פארמאגט אינעם אינבאקס.

אריינצוגיין אינעם אינבאקס דרוקט איר נומער 1.

**איינמאל איר זענט אין נומער 1 וועט אייך די סיסטעם פארליינען די לעצטע אימעיל וואס איז אריינגעקומען, דאן האט איר די פאלגנדע אפציעס:**

**1** איבערהערן נאכאמאל דעם אימעיל.

**2** גיין צו די פריערדיגע אימעיל (וואס איר האט שוין פריער געהערט).

**3** גיין צו די קומענדיגע אימעיל(וואס איר האט נאך נישט געהערט).

**4** אויסמעקן די אימעיל.

**5** ריפליין (שפעטער וועט ווערן אויסגעשמועסט געננוי וויאזוי מען שיקט ארויס אן אימעיל דורך די סיסטעם).

**6** שיקן די אימעיל ווייטער צו א צווייטן (forward).




**7** קען מען אנשטעלן אז די סיסטעם זאל פארליינען איין אימעיל נאכן צווייטן, ביי דיפאלט ארבעט די סיסטעם אז עס וועט פארשטעלן די אפציעס נאכן פארליינען אן אימעיל, ביי **7** קען מען דאס טוישן.

**8** זעהט מער אויף זייט **9**

**9** זעהט מער אויף זייט **10**

**0** צו שפילן די אימעיל אויף די צווייטע שפראך (זעה מער אינפארמאציע שפעטער ביי די אטעטשמענטס מעניו).

# קען מען זוכן אימעילס פון די לעצטע 4 חדשים

# אטעטשמענט מעניו

ext 8

ביים אויסליינען די אימעיל נאכן סאבדזשעקט, וועט די סיסטעם זאגן אויב ס'איז דא אן אטעטשמענט, און וויפיל עס איז דא. צו אנקומען צו די אטעטשמענט דרוקט איר 8, דאן וועט אייך די סיסטעם זאגן די נאמען און די סארט פייל פון די ערשטע אטעטשמענט.

ביי די אטעטשמענטס האט איר די פאלגנדע אפציעס:

**1** איבערהערן די נאמען פון די אטעטשמענט.

**2** גיין צו די פריערדיגע.

**3** גיין צו די קומענדיגע.

**5** הערן די אטעטשמענט (די סיסטעם קען אויפליינען/אויפשפילן מערערע סארטן פיילס, ווי wav, mp3, pdf, word).

**7** איבערטייטשן (translating) די אטעטשמענט - די סיסטעם וועט איבערטייטשן פון סיי וועלכע שפראך צו די שפראך וואו די סיסטעם איז אנגעשטעלט בכלליות. דאס הייסט אז אויב די סיסטעם איז אנגעשטעלט אין ענגליש, און איר באקומט אן אטעטשמענט אין אונגאריש, וועט די סיסטעם אייך עס איבערטייטשן אויף ענגליש.

**8** ארויספרינטן די אטעטשמענט (די פרינטער ארבעט דורך פעקס, אינפראמאציע וויאזוי צו אנשטעלן א פעקס מאשין זעהט שפעטער ביי נומער **9**).




**0** צווייטע שפראך - דאס הייסט אז מען קען עס אויפשפילן אויף א ראבאט פון אן אנדערע שפראך אויסער די ראבאט אויף וואו די סיסטעם איז אנגעשטעלט. למשל אויב די סיסטעם איז אנגעשטעלט ביי אייך אויף ענגליש, און איר באקומט אן אטעטשמענט אויף פלעמיש, וועט עס ביי דיפאלד ליינען מיט די ענגלישע ראבאט וואס ליינט מיט די ענגלישע נוסח, מיט די אפציע וועט אייך די סיסטעם עס ליינען מיט א ראבאט וואס רעדט די פלעמישע נוסח, צו אנשטעלן א צווייטע שפראך דארפט איר גיין צו אפציע **9 - 7** פון די מעין מעניו, וואו מען שטעלט אן אלע ראבאט סעטינגס.

ext 9

## :האט איר די פאלגנדע אפציעס און סעטינגס

**1** קען מען הערן די צייט און טאג וואס די אימעיל איז אנגעקומען.

**2** קען מען סעיווען די אימעיל אדרעס אינעם אדרעס בוך.

**3** איבערטייטשן די גאנצע אימעיל.

**4** אויסליינען די גאנצע אימעיל אדרעס און אלעס ארום. ביים הערן די אינבאקס זאגט עס נאר די נאמען פון דער וואס האט עס געשיקט, דא קען מען הערן אלע אימעיל אינפארמאציע, אריינגערעכנט די גאנצע אימעיל אדרעס פון דער וואס האט געשיקט די אימעיל, אזוי אויך די אדרעס צו וואו די אימעיל איז געשיקט געווארן (דאס קען שטארק צונוצקומען פאר איינער וואס האט אנגעשטעלט צו באקומען אימעילס פון פארשידענע אדרעסן).




**5.** האט איר די אפציעס:

**1)** צו בלאקירן די אימעיל אדרעס, אז פון די אדרעס זאל מער נישט אנקומען קיין אימעילס אויפן טעלעפאן.

**2)** אנצושטעלן נישט צו באקומען קיין מיסד-קאל פון דעם אימעיל אדרעס.

**3)** אין פאל די אימעיל קומט פון א מעילינג ליסט (אדווערטייזמענטס/נייעס), קען אייך די סיסטעם געגנצליך אראפסיינען פון די מעילינג ליסטע (נאכן זאגן די סאבזשעקט וועט די סיסטעם זאגן אויב עס קומט פון א מעילינג ליסט).

**8.** צו פרינטן די גאנצע אימעיל (אויסער די אטעטשמענטס) דורך פעקס.

# 2 OUTBOX

ווען מען גייט אריין ביי נומער 2 פון די מעין מעניו, קען מען אנקומען צו די ארויסגעשיקטע אימעילס וואס מען האט געשיקט צו אנדערע אדרעסן, אלע אפציעס ארבעטן גענוי ווי די אינבאקס.




מען קען אויך טרעקן און נאכגיין די אימעיל, צו זען אויב עס איז שוין געליינט געווארן, נאכן זאגן די סאבדזשעקט ווערט די סיסטעם זאגן אויב עס איז שוין געליינט געווארן.

## 3 שרייבן א נייע אימעיל

שרייבן אן אימעיל איז צוזאמגעשטעלט פון 4 חלקים: אימעיל אדרעס, סאבדזשעקט, מעסעדזש, באשטעטיגן און שיקן. (אנווייזונגען וויאזוי צו טייפן זעה זייט 13).

**אימעיל אדרעס:**

**אויב די אדרעס איז נאך נישט געסעיווט צו אייער קאנטאקטס:**

לייגט איר אריין די אימעיל אדרעס ביז די @ סימבאל. דאן דרוקט איר #, און דערנאך דרוקט איר אריין די אותיות פון נאך די @ סימבאל. למשל אויב איז די אימעיל אדרעס צו וואו איר ווילט שיקן אן אימעיל: info@info.co.uk, דאן טייפט קודם אריין די אותיות 'info', דערנאך דרוקט # און איר טייפט אריין 'info.co.uk'. אויב איז עס gmail.com קענט איר גלייך דרוקן # ווי למשל אויב איז די אדרעס abc@gmail.com דריקט איר abc # און דערנאך נאכאמאל #.

אויב איז די אדרעס נאר נומערן ווי למשל א 'ווירטועל-מעיל' אדרעס קענט איר דריקן ** און דאס וועט טויטשן די קי-פעד פון אותיות צו נומערן און אויב איז עס א 'ווירטועל-מעיל' אדרעס וועט די סיסטעם אויטאמאטיש צולייגן @email36.com און אייך אזוי פארשפארן צייט.

**אויב איז די אימעיל אדרעס שוין געסעיווד אין אייער קאנטאקטס:**

קענט איר דרוקן נאר די ערשטע פאר אותיות פון די אדרעס, און דרוקט #, דערנאך 0 און #. אויב האט איר געסעיווד די אדרעס אלס א speed dial, דאן דרוקט אריין די speed dial נומער און דרוקט * און #.

(יעדע מאל איר טייפט א נייע אימעיל אדרעס וועט אייך די סיסטעם פרעגן צו איר ווילט סעיווען די אדרעס צו די קאנטאקטס, איר קענט דאס אויסלעשן ביי נומער 4 » 7 פון די מעין מעניו.)

**סאבדזשעקט:**

איינמאל די סיסטעם האט באשטעטיגט די אדרעס, טייפט/זאגט איר אריין די subject.

**מעסעדזש:**

יעצט געבט אייך די סיסטעם די פאלגענדע מעניו

זעה בילד 1# (אויף זייט 12#)

יעצט דרוקט איר # צו אנהייבן טייפן אויף איינע פון די אויבנדערמאנטע צוויי וועגן, טייפן/זאגן.

(עס דארף ווערן אנגעמערקט, אז אויף ביידע וועגן איז כדאי זיך אפצושטעלן נאך יעדע פאר ווערטער, דורכן דרוקן #, און די סיסטעם וועט אייך איופליינען וואס איר האט נארוואס געטייפט, און ערשט דאן גיין ווייטער. אויב איר האט געמאכט א טעות, קענט איר אויסמעקן די לעצטע שטיקל וואס איר האט געטייפט, דורכן דרוקן *.)










## באשטעטיגן און שיקן:

ווען איר זענט גרייט צו שיקן דרוקט איר 9 צו ענדיגן די מעסעדזש, און די סיסטעם געבט אייך די מעגליכקייט צו טוישן סיי וועלכע חלק פון די מעסעדזש. 1 אימעיל אדרעס. 2. סאבדזשעקט. 3 מעסעדזש. 4 אריינצולייגן א וואויס נאוט - דאס איז א מעסעדזש מיט אייער קול (אויב איר ווילט שיקן נאר א וואויס נאוט, קענט איר אויסלאזן אלע פריערדיגע חלקים, און מאכן גלייך א וואויס נאוט, דורך איבערהיפן די סאבדזשעקט און מעסעדזש). # צו שיקן די מעסעדזש.

# שרייבן מיט די סיסטעם בכלליות

צו שרייבן דורך די סיסטעם איז דא צוויי וועגן:

**(1** איר נוצט די קנעפלעך פון אייער טעלעפאן צו טייפן אזויווי א טעקסט מעסעדזש: פאר 'A' דרוקט איינמאל נומער 2. פאר 'B' צוויי מאל 2. פאר 'C' דריי מאל 2. פאר נומער 2 פיר מאל 2. צו מאכן א ספעיס דרוקט נומער 0. צו אראפגיין א שורה דרוקט צוויי מאל נומער 0. פאר נומער 0 דרוקט דריי מאל 0. פאר א full stop דרוקט נומער 1. פאר א - דרוקט צוויי מאל 1. פאר א _ דרוקט דריי מאל 1. פאר א + דרוקט פיר מאל 1. פאר נומער 1 דרוקט פינף מאל נומער 1.

אויב דארפט איר דרוקן צוויי אותיות אויפן זעלבען קנעפל אין איין צי', דרוקט * צו אפטיילן צווישן זיי. ווי למשל, אויב ווילט איר שרייבן 'ABC', דרוקט ווי פאלגנד: 2* 22 « 222* .

צו טוישן אינמיטן טייפן צו נומערן דריקט 2 מאל * און צו אויסמעקן א אות 3 מאל *. און צו אויסמעקן א ווארט 4 מאל *.

בילד #2




**(2** דורך 'speech to text', איר זאגט אריין די מעסעדזש, און די ראבאט טייפט דאס אפ פאר אייך. די אפציע איז מעגליך צו נוצן יעדעס מאל די ראבאט זאגט צו טייפן און איר הערט א ביפ, אויסער ביים טייפן אן אימעיל אדרעס, וואס דאן דארפט איר יא טייפן געהעריג. אויך איז דא א מעגליכקייט צו שיקן א 'וואיס נאוט' וואס דאס איז א מעסעדזש מיט אייער אייגענע קול [ווי עס וועט שפעטער ווערן אויסגעשמועסט].



Virtual Mail
EMAIL ON PHONE

# 4 אדרעס-בוק (CONTACTS)

די אדרעס בוק איז געאייגנט צו סעיווען אימעיל אדרעסן צו די סיסטעם, איינמאל אן אימעיל אדרעס איז געסעיווט, און איר ווילט שיקן א נייע אימעיל, ריפלייען וכדו׳, דארפט איר אריינלייגן בלויז 2 אדער 3 אותיות פון די נאמען אדער אימעיל אדרעס, און דרוקן 0»#, און די סיסטעם וועט אייך אויפזוכן די אימעיל אדרעס, און פארשפארן אסאך צייט. לדוגמא אויב די נאמען איז glick לייג אריין #0»#gli




**1** צו שרייבן א פרישע קאנטאקט אין די אדרעס-בוק.

**2** צו אויפזוכן א קאנטאקט וואס מען האט שוין אין די אדרעס-בוק.

**4** צו אויסהערן אלע קאנטאקטס.

**5** צו סעיוועןאלע אימעיל אדרעסן, פון די וואס האבן אייך אמאל געשיקט אן אימעיל (זייט איר זענט אנגעשלאסן אינעם סיסטעם). אזוי אויך קענט איר דורך די אפציע אלעמאל צולייגן די פרישע אדרעסן וואס מען האט נאכנישט אין די סיסטעם פון די פארגאנגענע מאל וואס איר האט געסעיווט.

**6** צו פארמעקן אלע קאנטאקטס.

**7** צו אויסלעשן די אפציע אז די סיסטעם זאל פרעגן ביי יעדע אימעיל אויב מען וויל עס סעיוון אין די אדרעס-בוק.

**8** צו באקומען יעדע אימעיל וואס מען שיקט ארויס פונעם סיסטעם צוריק אינעם Gmail אינבאקס, די אפציע איז געאייגענט צו קענען האלטן חשבון אויף די אימעילס וואס איר שיקט ארויס פון אייער טעלעפאן, איר זאלט דאס קענען זעהן אויפן קאמפיוטער, ווען איר אקטעוועזירט די אפציע וועט יעדע אימעיל אנקומען צו אייער קאמפיוטער אינבאקס אלץ א פרישע אימעיל.

**9** בלעק ליסט, צו אראפנעמען אימעיל אדרעסן פון די בלאקירטע ליסטע.

איינמאל א אימעל אדרעס איז געסעיווט צו די אדרעס בוק, קענט איר גיין צו די ספעציפישע קאנטאקט דורך אפציע 2 אדער 4 ביי די קנעפל, און עס סעיווען אלס ספיעד דייל (ביז 999 ספיעד דיילס), אדער גענצליך אויסמעקן.

# 7 פלענס

ווי געשמועסט איז דא א 14 טאגיגע אומזיסטע טרייעל, וואו מען קען זיך אליינס איבערצייגן אויב די סיסטעם איז געאייגנט פאר אייך. נאך די טרייעל וועט מען באקומען א רוף פונעם סיסטעם, צו לאזן הערן אז מען דארף ארויפלייגן קארד-דעטאלן פון וואו צו נעמען די חודש'ליכע מינימאלע סערוויס אפצאל. נעמט איינאכט אז עס איז נישט קיין קאנטראקט, און עס זענען נישט דא קיין שום תנאים וואס האלטן צוריק פון קענסלען סיי ווען.

ביים דרוקן 7 פון די מעין מעניו, קומט מען אן צו עטליכע אפציעס וואס זענען דא צו אויסוועלן מיט אנדערע סארט פרייזן:

**1.** צו האבן צוטריט בלויז צו די אימעילס וואס קומען אריין, פאר די חודש'ליכע מינימאלע אפצאל פון £1.50.

**2.** צו האבן אלע מעגליכקייטן צו קענען שיקן און באקומען, ריפלייען און פארווערדן, פאר די חודש'ליכע מינימאלע פרייז פון £2.50.

**3.** צו קענסלען א פלאן סיי ווען.

**4.** צו טוישן קארד דעטאלן, וואס איז נוגע פאר די חודש'ליכע פעימענטס.

**5.** צו ארויפלייגן קרעדיט אויף די אקאונט.

**7.** פאר די טעקסט פלאן, צו שיקן און באקומען אלע אימעילס אויף טעקסט מעסעדזש, וואס איז £3.50 חודש'ליך.

**8.** צו אויסמעקן אלע אימעילס פונעם סיסטעם.

נעמט און אכט אז די סיסטעם וועט רעכענען אייער קארטל יעדע ערשטע פון די חודש, פאר די קומענדיגע חודש (אדער קענט איר אנפילן אייער אקאונט מיט קרעדיט זעהט די אפציע שפעטער) און אויב איר שרייבט זיך איין סוף חודש וועט די סיסטעם רעכענען א מינומום פון 50 פעני און לייגן די איבריגע געלט אויף קרעדיט.

# 8 אינפארמאציע

**נעמט אינאכט אז אין ענגלאנד ווען איר שרייבט זיך איין, וועלן מיר גלייך קאנעקטן אייער אימעיל אקאונט, און אייך פארשפארן די איבריגע קאפ-ווייי.**

## וויאזוי ארבעט די סיסטעם?

די סיסטעם ארבעט אז ווען איר רופט אריין זיך אויפסיינען, ווערט אייער טעלעפאן נומער א 'נייע' אימעיל אדרעס, וועלכע ענדיגט זיך מיט: ‎@email36.com‏ ווי למשל, אויב אייער טעלעפאן נומער איז: 020.8800.8800, דאן וועט אייער נייע אימעיל אדרעס זיין ‎442088008800@email36.com‏ דאס איז געאייגנט פאר די וועלכע האבן נישט קיין אייגענע אימעיל אדרעס, און מ'קען דאס נוצן אלס א געהעריגע אימעיל אדרעס פאר אלע אייערע געברויכן. אויב האט איר שוין אן אימעיל אדרעס, קענט איר נאך לייכט הערן אייער געהעריגע אימעיל אקאונט דורך פשוט forward'ען אייער Gmail account צו די ווירטועל מעיל אדרעס.

## וויאזוי forward איך מיין Gmail account עס צו קענען הערן אויפן טעלעפאן?

זייער לייכט. איר גייט אריין אויפן קאמפיוטער אין אייער Gmail account (די זעלבע איז מיט אנדערע אימעיל פירמעס), און איר גייט צו settings. איר וועלט די אפציע forwarding, דאן לייגט איר אריין אייער ווירטועל אימעיל אדרעס ‎442088008800@email36.com‏ איר דרוקט process, דאן וועט Gmail שיקן א verification code צו אייער ווירטועל אימעיל אדרעס. נאך די סיסטעם וועט אייך גלייך ארײנשיקן אן אימעיל אין אייער Gmail אינבאקס מיט די verification code, ווי אויך ווייטערדיגע אינסטרוקציעס. דאן דרוקט איר 'save changes', און אלע אימעילס וואס קומען פון דעמאלס אריין אין אייער Gmail אינבאקס וועלן אויך ווערן געforward'ט צו אייער ווירטועל אימעיל אדרעס, און איר וועט דאס הערן אויפן טעלעפאן.

אויב האט איר מער ווי איין אימעיל אדרעס וואס איר ווילט קענען מיטהאלטן אויפן טעלעפאן, קענט איר טון די זעלבע אויבנדערמאנטע אינסטרוקציעס צו יעדע איינע פון זיי, צו קענען הערן אייערע אימעילס דורכן טעלעפאן [צום באמערקן, די 'Yahoo mail' פירמע האט אנהייב די יאר '21 למס' אראפגענומען די אפציע פון forward'ען בחינם].

## ווען איינער באקומט אן אימעיל וואס איך שיק ארויס פון מיין טעלעפאן, וועלכע אדרעס וועט שטיין, מיין געהעריגע Gmail אדרעס אדער מיין ווירטועל אימעיל אדרעס?

אייער ווירטועל אימעיל אדרעס. אבער איר קענט אויך זייער לייכט מאכן אז ווען איר שיקט ארויס אן אימעיל זאל דאס זיין כאילו איר שיקט דאס ארויס פון אייער געהעריגע Gmail אדרעס, און דער וואס וועט עס באקומען וועט נאר זען אייער Gmail אדרעס, דורכן שיקן אן אימעיל פון אייער Gmail account צו: ‎123@email36.com‏ אין די subject לייגט איר אריין אייער טעלעפאן נומער 442088008800, דאן דארפט איר אריינרופן די סיסטעם 020.3966.1274, און גיין צו די settings Menu בײ נומער: 9«2«1 צו קאנפארמירן די אימעיל אדרעס. דאן וועלן אלע אימעילס וואס גייען ארויס פונעם סיסטעם האבן אייער Gmail אדרעס.

נומער פון ווערטועל מעיל פון דאהי און ארום די וועלט:
זייט 19

# 9 סעטינגס

ביים דרוקן 9 פונעם מעין מעניו, וועט מען אנקומען צו די סעטינגס פונעם סיסטעם.

**1** קען מען הערן וויאזוי מען סיינט זיך אריף אויפן סיסטעם, און וויאזוי מען פירט אריבער די gmail צו קענען ווערן אויסגעהערט אויפן טעלעפאן.

**2** צו אנשטעלן די נאמען/אדרעס וואס זאל זיך אויפשרייבן ווען איינער באקומט אייער אימעיל.

**3** קען מען זיך ארומשפילן מיט די צייטן ווען עס זאל יא אדער נישט קלינגען די מיסד-קאל וואס מען באקומט ווען עס קומט א פרישע אימעיל. עס איז אויסגעשטעלט פארשידענע אפציעס, ווי צו קענען אויסלעשן ביינאכט א״וו. אדער צו אויסלעשן גענצליך פאר די וואס ווילן בכלל נישט קיין דערמאנונג ביים דערהאלטן א פרישע אימעיל.

**4** קען מען אנשטעלן אז די סיסטעם זאל גלייך אנהייבן ליינען די נייע אימעילס,אז נישט וועט די סיסטעם ערשט פארלייגן וויפיל אימעילס מען האט, און אויסרעכענען אלע אפציעס פון אלע קנעפלעך. מיט די אפציע קען מען אנשטעלן אז די סיסטעם זאל גלייך ביים אריינרופן זיך נעמען פארליינען די נייע אימעילס, און אזוי פארשפארן צייט.

**5** קען מען אנשטעלן צו דארפן אריינלייגן א פעסווארד יעדעס מאל וואס מען רופט אריין אינעם סיסטעם, צו פארזיכערן אז פרעמדע האבן נישט קיין צוטריט דערצו.

**6** קען מען אראפנעמען אדער צוריקלייגן די סיגניטשער וואס קומט מיט יעדע אימעיל ארויסגעשיקט דורך די אימעיל סיסטעם, עס שטייט אונטערגעשריבן אויפן אימעיל אז עס קומט פון ווירטועל-מעיל, דאס קען ווערן אראפגענומען.




**7** קען מען אנשטעלן:
1. די קול פון די ראבאט וואס רעדט, צו עס זאל זיין א מאן אדער פרוי. 2. די שפראך וואס די ראבאט זאל רעדן, 3. שנעלקייט, 4. טאן 5. צווייטע שפראך.

**8** צו קאנעקטן א פעקס מאשין צו קענען ארויספרינטן אדער צו סקענען אימעילס

איר וועט דארפן דרוקן 1 » # און אריינלייגן אייער פעקס מאשין נומער, דערנאך קענט איר אנהייבן ארויספרינטן אימעילס דורכן דרוקן 9 » 3 בשעת'ן הערן די אימעיל, און אטעטשמענטס דורכן דרוקן 8 ביי די אטעטשמענט מעניו, כעת קאסט א קליינע אפצאל £0.03 פאר יעדע פאפיר אזוי אויך קענט איר סקענען צעטלעך, דורך שיקן א פעקס צו 020.4520.1888 וואס וועט אנקומען צו אייך אין אן אימעיל. "**איר וועט דארפן אריינלייגן אייער פעקס נומער ביי 9 » 8 » 4 פון די מעין מעניו אז פון אייער פעקס נומער זאל עס אנקומען צו אייער אימעיל**" עס גייט נישט אויטאמאטיש. די אפציע איז בחינם, נישט קיין חילוק וויפיל פאפיר.

**9** צו הערן די אימעילס פון א צווייטער טעלעפאן.

די אפציע גיבט אייך די מעגליכקייט צו הערן אייערע אימעילס פון א צווייטע טעלעפאן, ווען איר קענט נישט צוקומען צו אייער געהעריגע טעלעפאן. איר האט צוויי אפציעס 1) צו אנשטעלן א פעסווארד בשעת איר האט נאך אייער טעלעפאן, ביי די קנעפל. 2) אויב איר האט נישט אנגעשטעלט א פעסווארד אויף אייער טעלעפאן, און איר ווילט הערן אייערע אימעילס פון א צווייטע טעלעפאן, וועט איר קענען שיקן פון די אנדערע טעלעפאן אן איינמאליגע פעסווארד, צו אייער אימעיל אדרעס (די אדרעס וואס איז אנגעשטעלט פאר די אימעילס וואס גייען ארויס פונעם סיסטעם).

כדי צו הערן די אימעילס פון א צווייטע טעלעפאן קענט איר אריינרופן פון א טעלעפאן וואס איז נישט איינגעשריבן אינעם סיסטעם, און גלייך דרוקן אפציע 9, דאן וועט איר אריינלייגן אייער געהעריגע טעלעפאן נומער, און אריינלייגן די פעסווארד וואס איר האט אנגעשטעלט. אדער גיבט אייך די סיסטעם די אפציע צו שיקן אן אימעיל מיט א פעסווארד צו אייער אימעיל אדרעס. איינמאל איר לייגט אריין די פעסווארד וועט איר קענען הערן אלע אייערע אימעילס, נעמט אינאכט אז אויב שטעלט איר אן צו הערן די אימעיל פון א צווייטע טעלעפאן וועט איר נישט קענען הערן בשעת מעשה פון די ערשטע טעלעפאן, און איינמאל איר רופט צוריק פונעם ערשטען טעלעפאן וועט עס אויטאמאטיש צירוק גיין צום ערשטען טעלעפאן.

איר האט אויך די מעגליכקייט אינגאנצן צו בלאקירן די מעגליכקייט צו קענען אריינלאגן פון א צווייטע טעלעפאן.

### Setting wizard 0

**REVIEWS**
**CUSTOMER SERVICE**

* #

פאר ריוויוס פון קאסטומער, קאמפלעינס און קאמענטס, דרוקט * פון די מעין מעניו

פאר קאסטומער סערוויס דרוקט # פון די מעין מעניו, דערנאך האט איר די פאלגענדע אפציעס:

1 צו אנקומען צו די אפיס, אין די צייטן וואס די אפיס איז אפן.

2 צו לאזן א מעסעדזש דורך וואויס רעקאגנישן.

3 לאזן א מעסעדזש מיט די אייגענע קול.

9 פרישע אפדעיטס אויפן סיסטעם.



0

## עפפס

ביי 0 איז דא פיר עפפס:

**3.** גוגל סירטש, וואו מען קען אפירזוכן פאון נומערס, און אדרעסן פון געשעפטן און פאבליק סערוויסעס, לאקאל און פון איבער די גאנצע וועלט.

אזוי אויך קען באקומען א מיסד-קאל פון די נומער וואס איר זוכט (די אפציע ארבעט נישט אלעמאל).

**4.** 'קריפטא און קארענסי', וואו מען הערט כסדר די פרישע טוישונגען אין וואלוטעס פון פארשידענע סארט געלטער און וואלוטעס, אזוי אויך קען מען




קאנווערטן א סכום פון איין סארט געלט צו די אנדערע (ווי למשל 100$ צו פונט, אדער 100$ צו שקל).

**5** קענט איר הערן די וועטער פון סיי ווי איבער די וועלט

**6** טרענסלעיטען פון איין שפראך צו די אנדערע.

נומער פון ווערטועל מעיל פון דאהי און ארום די וועלט:

| | ענגלאנד | ארה"ק | אמעריקע | קאנאדע |
|---|---|---|---|---|
| מעין נומער פונעם סיסטעם | 020-3966-1274 | 079-580-9090 | 718-564-6459 | 438-834-3880 |
| צו שיקן טעקסט (באקומען איז כעת נאר און ענגלאנד) | 075-3717-3930 | 055-966-1039 | 218-318-9090 | 438-834-3880 |
| צו סקענען דורך פעקס | 020-4520-1888 | 079-5806302 | 718-952-0288 | 514-418-1007 |

מעין נומער פונעם סיסטעם

| בעלגיע | פראנקרייך |
|---|---|
| 03-547-0146 | 036-739-0900 |

Virtual Mail
EMAIL ON PHONE



Virtual Mail

EMAIL ON PHONE

Virtual Mail UK
P: 020.45.200.100
M: 07442.95.96.95
E: info@email36.com